# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

**בעזהשי"ת** פרשת פנחס **כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק**


## דורש טוב

**וידבר ה' אל משה לאמור, פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן:** דאס ווארט "**לאמר**" איז לכאורה איבריג, ווייל דא ווערט דאך נאר דערציילט די מעשה, ערשט שפעטער שטייט **לכן אמור?**

נאר דער **אגרא דכלה** זאגט: עס שטייט אין די ספה"ק אז ווען פנחס האט גע'הרג'ט זמרי איז אריין אין אים די נשמה פון נדב ואביהוא, די קינדער פון אהרן, קומט אויס אז פנחס איז געווארן אהרן'ס קינד, נישט נאר זיין אייניקל.

דאס זאגט דער פסוק: **וידבר ה' אל משה לאמור** השי"ת האט געהייסן פאר משה רבינו ער זאל זאגן פאר די אידן, אז **פנחס בן אלעזר**, דער פנחס וואס איז געווען דער זוהן פון אלעזר, **בן אהרן הכהן**, איז יעצט געווארן אויך דער זוהן פון אהרן הכהן, ווייל ער האט באקומט די נשמה פון אהרן'ס קינדער. במילא וועט מען אים שוין מער נישט פארשעמען, ווייל יעדער

## בין המצרים

די דריי וואכן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב ווערן אנגערופן "**בין המצרים**".

בפשטות איז דער טעם פארוואס די דריי וואכן ווערן אזוי אנגערופן, לויטן פסוק אין איכה "כל רודפי' השיגוה בין המצרים". זאגט דערויף דער **מדרש** אלו הימים בין י"ז תמוז לט' באב, וואס דעמאלטס האבן די רודפי ישראל און די רשעים דערגרייכט די אידן און זיי אנגעמאכט פיל צרות.

דער הייליגער **ראפשיצער רב** זי"ע האט געטייטשט **כל רודפי'** די אלע רשעים וואס רודפ'ן אידן, **השיגוה** האבן משיג געווען דאס גרויסקייט און הייליגקייט פון עם ישראל, **בין המצרים**, בשעת ווען זיי טוען זיי באלאגערן און ענג מאכן, וואס אין די שווערע צייטן פאר אידישע קינדער שטעלט זיך אלעמאל ארויס זייער שטארקקייט און גבורת הנפש, ווען זיי רירן זיך נישט אוועק פון השי"ת טראץ אלע שוועריגקייטן.

דער **עבודת ישראל** (פר' מסעי) ברענגט **בשם הרה"ק רבי ר' בער זי"ע דער מעזריטשער מגיד, כל רודפי'** יעדער איינער וואס טוט נאכיאגן השי"ת און ער וויל אים ממליך זיין אויף זיך, **השיגוה**, קען ער דערגרייכן די מדריגה, אין די

טעג פון **בין המצרים**. וואס דאס איז שטארק מסוגל זיך צו דערהייבן ברוחניות.

דער **עבודת ישראל** איז מסביר פארוואס די טעג זענען אזוי מסוגל צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, טראצדעם וואס די טעג ווערן אנגערופן ימים נמוכין, נידריגע טעג, מיט א משל, צו א קעניג וואס ווען ער זיצט אין דערהיים איז זייער שווער צוצוקומען צום קעניג און בעטן פון אים א בקשה, ווייל ווען ער זיצט אויף זיין מלוכה מיט זיין גאנצע שטארקקייט איז ער זייער דערווייטערט פון פשוט'ע מענטשן, אבער ווען דער קעניג וואנדערט ארום און ער איז נישט אויפן כסא המלוכה, דעמאלטס קענען פשוט'ע מענטשן אויך צוקומען צום קעניג.

וועגן דעם דוקא אין די **ימים נמוכין**, קען יעדער איד זייער שטארק נתקרב ווערן צום אייבערשטן.

אין ספה"ק **תורת אבות** שטייט אז די 21 טעג פון **בין המצרים** זענען קעגן די 21 טעג פון **ראש השנה** ביז **הושענא רבה**, וואס דאס איז א הכנה זיך צוגרייטן די 21 טעג צו יענע געהויבענע טעג.

דער הייליגער **אפטער רב** זי"ע אין **אוהב ישראל** זאגט אז די טעג פון בין המצרים זענען דער יסוד און שורש פון אלע ימים טובים פון א גאנץ יאר וואס דאס זענען 21 טעג, שבת, ראש חודש, 7 טעג פסח, שבועות, צוויי טעג ראש השנה, יום כיפור, 8 טעג סוכות, און דאס איז מרומז אין פסוק א"ך טוב לישראל.

**ויהי רצון שהימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה במהרה בימינו**

האט געוויסט אז נדב און אביהוא זענען געווען זייער הייליג.

*

**לאזני משפחת האזני:** זאגט רש"י: **היינו אצבון**: פארוואס רופט אים נישט די תורה אויף זיין געהעריגן נאמען?

זאגט דער **של"ה הק'** ווייל די גמרא זאגט אז וועגן דעם האט השי"ת באשאפן די פינגער פון א מענטש שפיציג אזוי ווי נעגל, כדי אז אויב א מענטש וועט הערן רעדן לשון הרע, זאל ער אריין שטיפן די פינגער אין אויער, כדי ער זאל נישט הערן קיין לשון הרע. וועגן דעם רופט די תורה אן די משפחה **אצבון** וואס טייטש א פינגער, מיטן נאמען **אזני** וואס טייטש אויער. אונז צו לערנען אז די פינגער דארף מען אריין שטיפן אין אויער כדי נישט צו הערן קיין לשון הרע.

איי, ווערט דאך שווער, פארוואס ווערט ער אין די סדרה אנגערופן פונקט "**אזני**"?

ענפערט דער **חתם סופר** ווייל אצבון איז געווען פון שבט גד, וואס זיי זענען געווען שכנים מיט שבט ראובן און שמעון, וואו עס האט זיך געפינען די רשעים. ביי שבט ראובן זענען געווען דתן און אבירם מיט די 250 ראשי סנהדראות וואס זענען געווען פון עדת קרח, און ביי שבט שמעון זענען געווען זמרי בן סלוי מיט די 24 טויזנט וואס זענען געשטארבן ביי די מגיפה.

די גמרא זאגט "**אוי לרשע ואוי לשכינו**", אז עס איז נישט גוט צו זיין א שכן פון א רשע, ווייל דער שכן הערט אלע שלעכטס וואס דער רשע רעדט און עס גייט אריין אין אים. דעריבער, ביז יעצט, ווען די עדת קרח אדער זמרי מיט די 24 טויזנט מענטשן האבן נאך געלעבט, האט שבט גד געדארפט נוצן די פינגער אריין צו לייגן אין אויער כדי נישט צו הערן זייערע שלעכטע רייד, וועגן דעם ווערן זיי אנגערופן "**אצבון**", אבער אין די סדרה (פ' פנחס) ווען די אלע רשעים האבן שוין נישט געלעבט האבן זיי שוין געקענט ארויס נעמען די פינגער פון אויער, ווערן זיי שוין אנגערופן "אזני", ווייל זיי האבן אנגעהויבן צו הערן מיטן אויער.

# ידיעות והלכות בין המצרים

עס איז א מצוה **מדברי קבלה** צו פאסטן אינעם זיבעצנט'ן טאג אין תמוז, צוליב 5 גזירות אויף כלל ישראל וואס האבן דאן פאסירט, ווי אין פסוק (זכרי' ח') ווערט דאס דערמאנט אלס "**צום הרביעי**".

די משנה רעכנט אויס אין מס' תענית (דף כ"ו) "**חמשה דברים ארעו את אבותינו בשבעה עשר בתמוז**", בשבעה עשר בתמוז נשתברו הלוחות, ובטל התמיד, והובקעה העיר, ושרף אפוסטמוס את התורה, והעמיד צלם בהיכל.

**נשתברו הלוחות** - דאס צוברעכן די לוחות האט פאסירט ווען משה אבינו איז אראפגעקומען פון בארג סיני, נאכן זיך געפונעם דארט 40 טעג, און דערזעענדיג די געוואלדיגע עבירה וואס די אידן זענען אט וואס באגאנגען, מאכענדיג דעם עגל הזהב און דאס פארוואנדלען אין א אפגאט רח"ל, שטייט אין פסוק: ויהי כאשר קרב אל המחנה וירא את העגל, וישלח מידיו את הלוחות וישבר אותם תחת ההר".

די גמרא אין מס' תענית (כ"ח ע"ב) מאכט א גענויעם חשבון אז די שבירת הלוחות איז אויסגעקומען שבעה עשר בתמוז.

**ובטל התמיד** - די גמרא ירושלמי (תענית פ"ד ה"ה) דערציילט אז אין די צייט וואס די מלכות הרשעה (רומי) האט געהערשט איבער ירושלים, און די אידן זענען געווען אונטער די רומי'שע באלאגערונג, פלעגן זיי כסדר ארונטערלאזן פון די חומה מיט א שטריק 2 קעסטלעך מיט גאלד, און די רומיים האבן צוריקגעשיקט 2 ציגן פארן קרבן תמיד, ביז ווען צום סוף ווען די אידן האבן אראפגעשיקט דאס געלט האבן די רומיים צוריקגעשיקט צוויי חזרים.

פירט אויס דער **ירושלמי** - "באותה שעה גרמו העוונות, ובטל התמיד וחרב הבית", ווען די שרעקליכע מעשה נבלה האט פאסירט, האבן די זינד גורם געווען אז דער קרבן התמיד איז בטל געווארן, און דאס איז געווען דער גורם וואס האט שפעטער צוגעברענגט אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן.

**והובקעה העיר** - די גמרא אין תענית פרעגט: "והובקעה העיר בי"ז הוי?" עס שטייט דאך אין פסוק "בחודש הרביעי בתשעה לחודש ויחזק הרעב", און דערנאך שטייט "ותבקע העיר", וואס דאס ווייזט אז 9 טאג אין

תמוז איז געווען בקיעת העיר, ענטפערט די גמ' "לא קשיא כאן בראשונה כאן בשני', ביים ערשטן ביהמ"ק איז די חומה געשפאלטן געווארן ט' תמוז, אבער ביים צווייטן ביהמ"ק איז די חומה געשפאלטן געווארן י"ז תמוז.

אין **ירושלמי** שטייט אבער, אז ביים ערשטן ביהמ"ק איז די חומה אויך געשפאלטן געווארן אין שבעה עשר, און דאס וואס שטייט אין פסוק אז עס איז געווען אין ט' תמוז, איז ווייל צוליב די שווערע צרות האט מען זיך טועה געווען מיטן חשבון, און מען האט געמיינט אז עס איז ט' תמוז.

**ושרף אפוסטמוס את התורה** - דאס האט פאסירט ווען די הענט פון די יונים האבן ליידער שולט געווען אויפן מקום המקדש.

די גמרא זאגט אין מס' שבת (דף כ"א ע"ב) כשנכנסו יוונים להיכל טמאו כל השמנים, און ווי מען זאגט ביי די זמירות פון חנוכה "ופרצו חומת מגדלי וטמאו כל השמנים" דעמאלטס איז געווען איינער פון די שרי יון, א גרויסער רשע מיטן נאמען אפוסטמוס, און דער שר האט ליידער פארברענט די תורה הקדושה אין יום שבעה עשר בתמוז, אלס א טייל פון זיינע שעדליכע פעולות אין מקום המקדש.

**והעמיד צלם בהיכל** - עס איז דא א מחלוקה אין ירושלמי לגבי דעם ענין פון העמיד צלם בהיכל, אויף וועמען דאס גייט ארויף, לויט איין דעה גייט דאס ארויף אויף דעם פריער דערמאנטן אפוסטמוס, וואס חוץ דעם וואס ער האט פארברענט די תורה, האט ער אויך ליידער מחלל געווען דעם מקום המקדש אריינשטעלענדיג א צלם אינעם היכל המקדש רח"ל.

לויט א אנדערע דעה אין **ירושלמי** גייט דאס ארויף אויפן צלם וואס מנשה מלך יהודה האט אויפגעשטעלט אינעם היכל ביים ערשטן בית המקדש, ווי עס שטייט אין פסוק (מלכים ב' כ"א ז') וישם את פסל האשירה אשר עשה בבית אשר אמר ה' אל דוד ואל שלמה בנו בבית הזה אשים את שמי לעולם.

די 3 וואכן פון י"ז תמוז ביז תשעה באב ווערן אנגערופן "בין המצרים", וואס דאס איז לויט דעם וואס עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק (איכה א') כל רודפי' השיגוה בין המצרים, אלו הימים בין י"ז תמוז לת"ב, וואס די באגרעניצטע טעג זענען ימי פורעניות, אין וועלכע אידן דארפן זיין אפגעהיטן פון די רודפים.

וויבאלד די טעג ווערן אנגערופן ימי פורעניות, דארף מען אין די טעג אכטונג געבן זיך דערוויטערן ווי מער פון יעדע סכנה (עי' במג"א וט"ז סי' תקנ"א סקמ"ב).

מען זאל זיין געווארענט נישט צו גיין אליין אויף א וועג ווי עס געפונען זיך נישט אנדערע מענטשן אין די שעות משעה ד' עד שעה ט' (מחבר סי' תקנ"א י"ח), אזוי אויך דארף מען פארן מיט די קארס זייער פארזיכטיג.

אין די דריי וואכן פירט מען זיך נישט צו מאכן קיין חתונות (רמ"א סי' תקנ"א ס"ב), אבער שליסן א שידוך מעג מען אפילו אין תשעה באב.

אפילו ווען מען מאכט א שמחה אין די דריי וואכן, טאר מען דאס נישט מאכן מיט מוזיק צוליב אבילות.

**ויהי רצון שהימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה**